**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/4/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אויסוואהל פון 230 ניו יארק סטעיט מייסטער לערער זיך צו אנשליסן אין נעטווארק פון מחנכים איבערן סטעיט**

***סך הכל צאל פון אויסגעצייכנטע STEM לערער-פירער וועלכע פארדינען אנערקענונג אלץ מייסטער לערער איבער ניו יארק סטעיט שטייט העכער פון 1400***

***נייע רונדע פון אפליקאציעס פאר STEM K-12 לערער יעצט אפן ביז פעברואר 26, 2022***

גאווערנער קעטי האקול אנאנסירט די אויסוואהל פון 230 מחנכים/ות פון איבער די גאנצע סטעיט פאר די ניו יארק סטעיט מייסטער לערער פראגראם (New York State Master Teacher Program), אריינרעכענענדיג 55 עלעמענטערי לערער/ינס. די נייע מיטגלידער ברענגען צו נאך 21 נייע דיסטריקטס מיט א מייסטער לערער צווישן זייערע איינגעשטעלטע. דער פראגראם נעמט אויף לערער פון 22 דיסטריקטס מיט אסאך באדערפענישן, אריינרעכענענדיג די יאָנקערס, סירעקיוס, ראטשעסטער, בינגהעמטאן סיטי און באָפעלאָ סיטי סקול דיסטריקטס.

"דורכאויס די פאנדעמיע זענען אונזערע מחנכים איבערגעקומען געוואלדיגע שטרויכלונגען, זיך צופאסנדיג צו לערנען פונדערווייטנס, האלטן אונזערע קינדער פאראינטערעסירט אין די לערנען און מאכנדיג פילע סארטן צופאסונגען כדי צו זיכער מאכן אז ניו יארק'ס שילער/ינס קענען פארזעצן מיט זייער חינוך", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר זענען שולדיג א געוואלדיגע חוב פון דאנקבארקייט צו אונזערע מחנכים, און דער קריטישער פראגראם וועט העלפן פארזיכערן אז איבער טויזנט לערער פון יעדע ווינקל פון ניו יארק סטעיט האבן די מיטלען און שטיצע וואס זיי דארפן זיך אויסצוצייכענען און צו פארזעצן צו פארבעסערן די סקול סיסטעמען אין וועלכע זיי ארבעטן."

די אריינקומענדע גרופע פון מייסטער לערער רעכנט אריין 22 לערער מיט מערערע לערער סערטיפיקאציעס, 13 וועלכע זענען סערטיפייד אין ספעציעלע חינוך, שילער מיט דיסאביליטיס און/אדער TESOL, און 19 לערער וועלכע זענען סערטיפייד אין טעכנאלאגיע חינוך וועלכע אפפערן פארשידענע קורסן אין ענדזשענירונג טעאריע און נוצן, פאבריצירונג מיט קאמפיוטערס, דעזיין און צייכענען פאר פראדוקציע און ראבאטיקס. די מחנכים וועלן זיך אנשליסן אין א נעטווארק פון מייסטער לערער וועלכע איז געשאפן געווארן אין 2013, ברענגענדיג די סך הכל צאל פון אויסדערוועהלטע NYS מייסטער לערער איבער ניו יארק סטעיט צו העכער 1400.

**SUNY צייטווייליגע טשענסעלארין דעברע פ. סטענלי האט געזאגט,** "ניו יארק'ס מייסטער לערער פראגראם טוט שוין פון לאנג באעהרן די געוואלדיגע טאלאנט וואס איז דא איבער אונזער סטעיט, אנערקענענדיג די פירער אין STEM (וויסנשאפט, טעכנאלאגיע ענדזשענירונג און מאטעמאטיק) חינוך וועלכע אינספירירן שילער און זייערע קאלעגען. דורכאויס די באזונדערס-שווערע צייט אין אונזער היסטאריע, זענען מיר דאנקבאר פאר אונזערע לערער נאך מער פארן האלטן זייערע שילער

פאראינטערעסירט אין די לערנען און מצליח זיין אין זייער ארבעט אין די קלאס. אין נאמען פון SUNY טוה איך וואונטשן די היי-יאריגע באעהרטע."

די 230 מייסטער לערער זענען איבערגעגעבענע פראפעסיאנאלן וועלכע לערנען אויס וויסנשאפט, טעכנאלאגיע, קאמפיוטער סייענס, ראבאטיקס, קאָודינג, ענדזשענירונג, מאטעמאטיק און אויסגעמישטע STEM קורסן אין קלאסן פון קינדערגארטן ביז 12'טע קלאס, ארייגערעכענענדיג AP, Honors, און Regents שטאפלען.

די אויסדערוועהלטע מייסטער לערער ארבעטן שוין אלץ לערער פאר א דורכשניט פון 15 יאר. מער פון 81 פראצענט זענען שוין אין די קלאס צימער פאר איבער צען יאר, און 26 פראצענט ארבעטן שוין אלץ לערער פאר מער פון 20 יאר. די 230 מייסטער לערער קומען פון 159 אנדערע סקול דיסטריקטס.

אלע מייסטער לערער זענען אקטיוו אויך אינדרויסן פון זייערע קלאסצימערן, דינענדיג אלץ פלאנירער פון די לערנען פלאן און דעפארטמענט פירער אדער מיטגלידער פון דיסטריקט און סטעיט שטאפל קאמיטעען, און אזוי אויך אלץ פריוואטע לערער פאר שילער און פריע קאריערע לערער. פילע נייע מיטגלידער זענען געשאנקען געווארן גרענטס פאר סקול STEM רעסאָרסן. זיי זענען ספּאנסארס פון וויסנשאפט אלימפיאדע (Science Olympiad) פארמעסטן, זומער STEM קעמפּס, סקול גערטנער, ראבאטיקס טיעמס, קאָודינג קלאָבס, קאמיוניטי סערוויס ארגאניזאציעס און PTO מיטגלידער אדער אפיסערס. די מייסטער לערער האלטן פירערשאפט ראלעס אין ניו יארק סטעיט STEM פראפעסיאנאלע פארבאנדן און פירן אן פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג קלאסן פאר ראיאנישע און סטעיט מחנכים קאנפערענצן. פילע פון די 230 מייסטער לערער זענען אנערקענט געווארן פאר זייער אויסגעצייכענטע ארבעט דורך זייערע קאלעגן, לאקאלע קאמיוניטי אדער דורך פראפעסיאנאלע פארבאנדן.

אין ניין ראיאנען איבער די סטעיט ווערט דער מייסטער לערער פראגראם אפגעהאלטן אויף SUNY קאמפוסן צו אויסנוצן די קענטעניס און ערפארונג פון אוניווערסיטעט איינגעשטעלטע און עקזיסטירנדע מחנכים גרייטונג פראגראמען. די צאל אויסדערוועהלטע לערער פון יעדע ראיאנישע גרופע און די SUNY קאמפוס שותף פאר יעדע ראיאן זענען:

- הויפטשטאט ראיאן: 180 (אלבאני אוניווערסיטעט)
- צענטראל ניו יארק: 183 (SUNY קאָרטלאנד)
- פינגער לעיקס: 178 (SUNY דזשענעסאו)
- לאנג איילענד: 156 (סטאָוני ברוק אוניווערסיטעט)
- מיד-האדסאן: 135 (SUNY ניו פּאַלץ)
- מאוהאק וואלי: 115 (SUNY אָניאָנטא)
- נארט קאנטרי: 116 (SUNY פלאטסבורג)
- דרום טייל: 206 (בינגהעמטאן אוניווערסיטעט)
- מערב ניו יארק: 177 (SUNY באפעלאו סטעיט)
- ניו יארק סיטי: 75 (אין שותפות מיט Math for America [מאטעמאטיק פאר אמעריקע])

א פולע ליסטע פון מייסטער לערער און זייערע סקול דיסטריקטס איז דא צו זעהן **דא**.

דורכאויס זייער פיר-יאריגע אנטיילנעמונג אין דעם פראגראם, וועלן מייסטער לערער:

- באקומען א יערליכע $15,000 סטיפענד;
- אנטייל נעמען אין קאלעגע-הדרכה און אינטענסיווע, אינהאלטסרייכע פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג געלעגנהייטן דורכאויס דעם אקעדעמישן יאר;
- ארבעטן פון די נאענט מיט לערער בעפארן אנהויבן אדער אין אנהויב פון זייער קאריערע צו בויען א שטיצנדע ענווייראמענט פאר די קומענדיגע דור פון STEM לערער; און

- זיך באטייליגן ביי ראיאנישע באגעגענישן ביי זייערע SUNY קאמפוסן, זיך באטייליגן ביי – און אנפירן – עטליכע פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג סעסיעס יעדן יאר.

גאווערנער האקול וועט אנאנסירן די עפענונג פון די קומענדיגע רונדע פון אפליקאציעס פאר K-12 STEM לערער אין אלע ראיאנען אין די פרילינג. K-12 STEM לערער ווערן פארבעטן צו איבערקוקן די פאדערונגען צו זיין בארעכטיגט ביי www.suny.edu/masterteacher.

**איבער די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק**
דער סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק איז דער גרעסטער אויספירליכע סיסטעם פון העכערע עדיוקעישן אין די פאראייניגטע שטאטן, און איבער 95 פראצענט פון אלע ניו יארקער וואוינען אינערהאלב 30 מייל פון סיי וועלכע פון די SUNY׳ס 64 קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן. לענגאויס דעם סיסטעם האט SUNY פיר אקאדעמישע געזונטהייט צענטערס, פינף שפיטעלער, פיר מעדיצינישע סקולס, צוויי דענטאל סקולס, א געזעץ שולע, דער סטעיט׳ס איינציגסטער קאלעדזש פון אפטאמעטריע, און פארוואלטעט איין יו-עס דעפארטמענט פון ענערגיע נאציאנאלע לאבאראטאריע. אלעס צוזאמען דינט SUNY בערך 1.3 מיליאן סטודענטן צושטעלנדיג קורסן און פראגראמען וועלכע שענקען זיי קרעדיטס, פארזעצנדיג בילדונג און פראגראמען צו אריינגעמען די קאמיוניטי. SUNY טוט אויך אויפזען אויף באלד א פערטל פון אקאדעמישע פארשונג אין ניו יארק. פארשונג אויסגאבן איבערן די גאנצע סיסטעם זענען בערך 1.1 ביליאן דאלאר אין דעם פיסקאלן יאר 2021, אריינרעכענענדיג באדייטנדע ביישטייערונגען פון סטודענטן און איינגעשטעלטע. עס זענען פאראן איבער דריי מיליאן SUNY אלומנע איבער דער וועלט, און איינס פון דריי ניו יארקער מיט א קאלעדזש דיפלאם איז א גראדואירטער פון SUNY. צו לערנען מער איבער וויאזוי SUNY שאפט געלעגנהייטן, באזוכט suny.edu.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov

זיך ארויסשרייבן